בס"ד

גליון ב

# גליון לפקוח עינים

לעורר לב מבקשי אמת בעניני נסיונות הזמן

פרשת תרומה תשע"ז

# מי ומי ההולכים

**ווער זענען די "בני תורה" פארטיי מיט וועלכע די עדה"ח און סאטמאר האבן געשלאסן א בונד?**

♦ **זיי זענען די** וועלכע האלטן אז "מיר זענען די אמת'ע ציונים, מיר דאווענען דריי מאל א טאג ותחזינה עינינו בשובך לציון" - פירוש, אין די ציוניסטישע מדינה ווערט פארווירקליכט די הבטחות פון ותחזינה ר"ל (א"מ שאך, תשמ"ז)!

♦ **זיי זענען די** וועלכע האלטן אז די בחורים זאלן נישט גיין אין מיליטער ווייל מיט זייער תורה באשיצן זיי די מדינה מיט ניסים פון הימל (א"ד וואכטפויגל בעצרת בבהמ"ד סאטמאר וומס"ג תשע"ו)!

♦ **זיי זענען די** וואס האלטן אז מ'טאר נישט צוריק געבן שטחים און זענען מתפלל פאר "שלימות הארץ" (ש. אויערבאך בשעת מ'האט גערעדט פון חלוקת ירושלים עטליכע יאהר צוריק)!

♦ **זיי זענען די** וועלכע פאראייניגן זיך יאהר יערליך מיט זייערע בעלי פלוגתא אין פאנאוויטש אויף איין זאך - אויפצוהענגען די ציוניסטישע פאן ביום אידם של הציונים!

♦ **זיי זענען די** וואס ווייגען ביי זייערע מחאות אויף דעם אז מ'האט אוועק גענומען די טריפה'נע געלטער פון זייערע בתי חינוך (ד. זיכערמאן זייער הויפט רעדנער אין זיינע דרשות)!

♦ **זיי זענען די** וועלכע זייערע פארשטייער זיצן אין די ציוניסטישע שטאט ראט אין ירושלים וואו זיי זענען פולע שותפים צו די אלע עקירות הדת וואס ווערן דארט געטון (חילול ש"ק, שטיצן בתי ע"ז און בתי ספר פון כפירה, חיטוטי שכבי, פריצות און תועבה און נאך, חוץ פון דעם עצם חיה"ש פון זיצן אונטער די ציוניסטישע פאן און זיך אונטערנעמען געטריישאפט צו חוקי המדינה)!

♦ **זיי זענען די** ארויסגעבער פון די צייטונג "הפלס" וואס איז מלא כפירה ומינות, ציונות און שבח לרשעים טאג טעגליך - זיך פרייען מיט די ציוניסטישע נצחונות און באוויינען זייערע מפלות!

♦ **זיי זענען די** וועלכע אלע זייערע מחאות ווערן געזאגט אויף די טמא'נע ציוניסטישע שפראך - אפילו דארט וואו זיי גייען צוזאמען מיט די עדה"ח שטעלן זיי א רעדנער אויף העברעיש!

♦ **זיי זענען די** ריכטיגע מדינה עפ"י תורה'ניקעס וועלכע ווילן בלב ונפש דעם עקזיסטענץ פון די מרידה במלכות שמים - נאר מיט א תורה'דיגע לבוש, און זיי רופן זיך די אמת'ע ממשיכים פון די אלטע אגודה - איטשע מאיר לעווין וסייעתו!

**אט מיט די פערשוינען האבן די א.ג. "שרי העסקנים" פון עדה"ח - סאטמאר געזעהן די פאסיגע שותפים,** און אין נאמען פון יודישקייט - מלחמה קעגן גיוס - צוברעקלט מען די איבערגעבליבענע חומות ההתבדלות גרויס מאכן זייער מנהיגים - עס איז שוין געגאנגען אזוי ווייט אז א טייל פון די געלטער וואס מ'זאמלט פאר די א.ג. "קרן הגיוס" גייט אפיציעל צו שטיצן די טמא'נע צייטונג "הפלס" - וואס פארשפרייט מינות און ציונות טאג טעגליך - און אלעס אונטער "מלחמה קעגן גיוס!

**עס איז צייט אז יודן זאלן שוין עפענען די אויגן און זעהן וואוהין עס פירן זיך די סארט פאליטישע מערכות, זיך אפשאקלען פון די סארט "עסקנים" און "לוחמים", און זיך אומקערן צו די ריכטיגע מקובל'דיגע דרכי המלחמה** ונזכה להתגלות כבוד מלכותו עלינו בעגלא ובזמן קריב בביטול מלכות המינות וכל הרשעה כולה כעשן תכלה בב"א.

**עובדא ידענו:** רב ראשי הראשון של הציונים, כמובן וידוע, הציונים שלהם הכח בפרסום ותעמולה הרימו אותו על נס כבודו והעריצו אותו בחכמתו גאונותו ותפארת גדולתו עד שמי רום וכוכביהם, באותו זמן נסע רב ראשי זה לאמריקע, ותהום כל העולם היהודי במסע כבוד זה עד שראש העיר (מעיאר) של העיר הרבתי ניו - יארק אמריקע, נתן לו אות כבוד והערצה כזו: שבבואו לניו יארק מסר לו את המפתח של העיר, וכה נתכבד ונתערץ שמו של רב ראשי זה כמעט אצל כל יהודי העולם.

בשובו רב ראשי זה לירושלם ת"ו, קצב אחד מתושבי העיר העתיקה כיבד אותו בסנדקאות, ביתו של הקצב היתה בקומה התחתונה של הישיבה הקדושה אהל משה, וכשרב ראשי ציוני זה דרך רגלו בחצר הישיבה, אחד מבני הישיבה שפך עליו מלמעלה מאחד מחלוני הישיבה קיתון של מים, כמובן שכמעט כל העולם היהודי נעשה כמרקחה נגד מעלל זה ובפרט באמריקע אשר משם הזהב. נשיא אגודת הרבנים שבאמריקא הי' אז בירושלם והוא **עלה אל הגאון ר' יצחק ירוחם דיסקין זצ"ל** בנו של הגאון הק' רשכבה"ג ומרא דארעא דישראל ר' יהושע לייב דיסקין זצוק"ל, שתחת ידו היו שני מוסדות בית היתומים דיסקין וישיבת אהל משה, ובקש ממנו שיסתייג ממעלל זה (כלומר שיאמר שהוא לא ידע מזה או שזהו נגד רצונו) ואם לאו תצא אגודת הרבנים שבאמריקא נגד שני מוסדות הנ"ל להחרימם ולהרסם.

תשובתו של הגאון הנ"ל היתה: עשו מה שבכוחכם.

המובן והלמוד מעובדא זו, יעקרו המוסדות מהעולם ואל אפילו רק להסתייג ממעלל איזה שיהי' שיהודי עשה למען קדושת שמו ית' מתוך חמימות לבו נגד רב ראשי ציוני זה שהי' ממחזיקי הציונות.

(מתוך מאמר הרה"צ רבי עמרם בלויא זצ"ל, החומה אד"ר תש"ל)

# נבלה נעשתה בישראל

יודישע הערצער זענען טיף ערשיטערט פון די שרעקליכע שמועה אז די בתי חינוך פון קהלת סאטמאר וומס"ג האבן זיך פארקויפט צו שמד מיט'ן אננעמען די כפירה'דיגע יו-פי-קעי פראגראם, ביי וועלכע מ'נעמט זיך אונטער אויסליידיגן דעם חינוך פון תורה און אמונה רח"ל.

**מיט דעם שריט שטעלן זיי זיך בחדא מחתא מיט פורצי חומות החינוך פון אלע דורות - משכילים ציונים מזרחי אגודה פאבליק סקול, און זייער נאמען וועט פאראייביגט ווערן לחרפה ולדראון עולם צוזאמען מיט זיי אלע!**

עס איז באקאנט די ווערטער פון מרן הגרי"ז מבריסק זי"ע אויף די וואס האבן געגומען געלט פון די ציונים אז "התורה אינה קנין הרמי"ם"

דאס זעלבע רופן מיר אויס פאר די דאזיגע מנהלים: **"די חינוך פון יודישע קינדער איז נישט קיין אייגנטום פון די מנהלים עס צו פארקויפן לכל המרבה במחיר!"**

זאלן די מנהלים וויסן אז אית דין ואית דיין, דער וועלט איז נישט קיין הפקר!

עס איז א חיוב אויף יעדן יוד זיך אויפוועקן און זיך גארטלען פאר א מלחמת חרמה קעגן די פורצי גדר ומחריבי חומות החינוך, ותעשה כל הגולה כמדורת אש!

**הכותבים בצער ופחד על עתיד דורותינו**

**שומרי משמרת הקודש בארה"ב**